פאַרלוירן ווערן; און אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט
אונטער דער תורה, וועלן געמשפּט ווערן דורך דער
13 תורה; ווייל נישט די, וואָס הערן די תורה, זענען
גערעכט ביי ג־ט, נאָר די, וואָס טון (וואָס) די תורה
14 (זאָגט), וועלן גערעכטפערטיקט ווערן; וואָרום ווען
די גוים, נישט האָבנדיק די תורה, טון פון זייער טבע
לויט (ווי) די תורה (שרייבט פאָר), זיי, הגם נישט
האָבנדיק קיין תורה, זענען אַ תורה פאַר זיך אַליין.
15 זיי ווייזן, אַז דאָס טון (וואָס שטייט אין) דער תורה איז
געשריבן אויף זייערע הערצער, ווען זייער געוויסן
זאָגט עדות און זייערע געדאַנקען אָדער באַשולדיקן
16 זיך אָדער רעכטפערטיקן זיך קעגנזייטיק; אינם טאָג
ווען ג־ט וועט משפטן די פאַרבאָרגענע זאַכן פון
מענטשן, לויט מיין בשורה טובה דורך דעם משיח
ישוע.

17 אָבער אויב דו רופסט דיך ייד און שטיצטסט דיך
18 אויף דער תורה און באַרימסט דיך מיט ג־ט, און
קענסט זיין רצון, און ווייסט אונטערצושיידן
צווישן גוטס און שלעכטס, זייענדיק געלערנט
19 אין דער תורה, און ביסט איבערצייגט, אַז דו
אַליין ביסט אַ פירער פון בלינדע — אַ ליכט
20 פאַר די, וואָס זענען אין דער פינסטער, אַ דערציער
פאַר די אומזיניקע, אַ דרדקא מלמד, האָבנדיק
די פאָרם פון וויסן און פון אמת אין דער תורה;
21 דעריבער דו, וואָס לערנסט אָן אַנדערן, פאַרוואָס
לערנסטו נישט דיך אַליין? דו שרייסט, מען זאָל נישט
22 גנבענען, און אַליין גנבעסטו! דו, וואָס זאָגסט, מען
זאָל נישט מזנה זיין, ביסטו מזנה! דו פאַראומווירדי־
23 דיקסט די געצן, באַרויבסטו דעם געצן־טעמפּל? דו,
וואָס באַרימסט דיך מיט דער תורה, שענדסט דו
24 ג־ט דורך עובר זיין די תורה! וואָרום ג־טס נאָמען